א. לעיעלעס
פאבליס לינד

ערשטע אויסגאַבע פון 100
עקזעמפּליאַרן.
נומער............

Copyright
by
A. GLANZ
1937

490
געדרוקט אין אַסטאָריאַ פּרעס

# אַ פאַרגעסענער מאַנוסקריפּט

מיט קנאַפּע 20 יאָר צוריק איז אַרויס מיין ערשטע לידער־זאַמלונג, „לאַבירינט". זי איז זייער שלעכט אויפגענומען געוואָרן. ווער עס האָט נאָר געהאַלטן פאַר נייטיק צו שרייבן וועגן דעם בוך, האָט געשריבן — און עס אַרומגעצופּט, ווי אַ הון ערעוו־יאָמקיפּער. די זייער ווינציקע אויסנאַמען — ש. יאַנאָווסקי אין דער „פריייער אַרבייטער שטימע", וואו דער נאָמען א. לעיעלעס האָט דעביוטירט פאַר אַן אומפריינטלאַכער וועלט, נאָך אימיצער, וואָס איך געדענק שוין איצט נישט—זענען באָטל־בעשישים געוואָרן צווישן די עטלאַכע און צוואַנציק צעשמעטערנדיקע רעצענזיעס. מען קאָן נישט זאָגן, אַז איך בין דערפון גליקלאַך געווען. אין די שלאָפלאָזע נעכט, וואָס דאָס האָט מיר פאַרשאַפט, האָב איך פאַרפאַסט אַן ענטפער צו עטלאַכע פון מיינע אַראָפּרייסער. אָנגעשריבן, זיך אַביסל באַרואיקט — און דעם ענטפער נ י ש ט פאַרעפנטלאַכט. איך האָב דעם מאַנוסקריפּט אַוועקגעלייגט, אים קיינמאָל מער נישט געזען און אין אים פאַרגעסן. כ'האָב גיך געהאַט צו פירן נאָך גרעסערע, ברייטערע ליטעראַרישע מילכאָמעס. ס'איז געווען ערעוו דער אַנטשטייאונג פון „אינזיך", וואָס מיט אים און מיט די כאַוויירים־דיכטער אַרום אים האָב איך מיין ליטעראַרישן שיקזאַל פאַרקניפּט אויף שטענדיק.

פער ריינסטן צופאַל — דאָס איבערציען אין אַ נייער דירע — האָב איך אין דער צייט, ווען כ'האָב צוגעגרייט דאָס איצטיקע בוך, דורכגעקוקט פאַרשידענע פאַרלעגענע מאַנוסקריפּטן. צווישן זיי האָב איך געפונען דעם ענטפער צו די פאַלמעסערס פון „לאַבירינט". כ'האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז ער פאַסט זיך צו דינען ווי אַן אַריינפיר צו מיין נייער לידערזאַמלונג. אַרום א. לעיעלעסן גייט נאָך אַלץ אָן אַ קאָנטראָווערסיע אין דער ליטעראַטור. זאָל מען וויסן ווי די קאָנטראָווערסיע האָט זיך אָנגעהויבן. מיך

באַוועגט אויך די פאַרשטענדלאַך־צערטלאַכע באַציאונג מיינע צום ערשטן ביכל. כאָטש דער „לאַבירינט" פאַרמאָגט אַ היבשע צאָל שוואַכע זאַכן, זייער יוגנטלאַכע און אומרייפע, וויל איך פּאָעטיש געמישפּעט ווערן אויך לויט די ערשטע דיכטערישע שריט, וואָס זענען דאָרט פאַרצייכנט.

גיב איך דאָ איבער יענעם פאַרגעסענעם קסאַוו־יאַד — אָן שום פאַקטישע ענדערונגען. איך האָב מיר דערלויבט בלויז געוויסע סטיליס־טישע שינויאים. צוליב פאַרשטענדלאַכע טאַמים האָב איך אַרויסגעלאָזט די נעמען, וואָס זענען אין דעם אָריגינאַל דערמאַנט געוואָרן.

* * *

איך געפעל נישט דעם און יענעם, און דעם דרייצנטן יענעם. עס איז קלאָר, אַז איך בין די מענטשן „פרעמד". נו, איז וואָס? עלעהיי זענען מ י ר אַזויפיל אידישע פּאָעטן פרעמד, אומאינטערעסאַנט, אומוויכטיק — אין זייערע לידער, נאַטירלאַך. ווייס איך בלויז, אַז זיי זענען נישט מיינע דיכטער, פאַר מיר זייטיקע מיטפאָרער. פרואוו זיך צומאַל אַרויפכאַפּן אויף זייער וואָגן, און פון דאָרט זען, וואָס זיי זענען. ריכטיק — זייער אָפּט לוינט זיך נישט די גאַנצע עקספּעדיציע. איז נישט!

ווילן אָבער די רעצענזענטן מיינע נאָך דערקלערן, פאַרוואָס איך בין זיי פרעמד. לאָזט מען זיך אַריין אין הויכע און ברייטע פאַרטייטשונגען וועגן דעם, וואָס עס איז אַזוינס פּאָעזיע. זיי, די רעצענזענטן — צווישן זיי אויך דיכטער און אַזוינע, וואָס האָבן (וואונדער איבער וואונדער!) קיין שום ספּייקעס נישט בענויגייע זייער אייגענער פּאָעטישקייט — ווייסן גענוי ענציקלאָפּעדיש באַגרונטפעסטיקט, וואָס איז יאָ און וואָס איז נישט פּאָעזיע. ביטער, פרעגט שוין נישט.

דאָך טאָטשעט מיך, ווי מען זאָגט עס, אַ וואָרעם. ווי קאָנען מענטשן, וואָס האָבן אַליין נאָך מיט גאָרנישט באַוויזן, אַז פּאָעזיע איז פאַר זיי אַן אייגענע, אינטימע זאַך, אַן עמעסע, לעבעדיקע באַדערפעניש, (איך מיין דאָ די בלויז־רעצענזענטן) זיך אַזוי גרינג אַריינלאָזן אין אויסטראַכטן דעפיניציעס פון פּאָעזיע? און ווי קאָנען מענטשן, וואָס שרייבן אַליין



לידער, און וואָס מאַנכע פון זיי האָבן אַליין אויסצושטיין צאָרעס פון דער קריטיק — ביז דער באַשולדיקונג, אַז זיי זענען גאָרנישט קיין דיכטער — ווי האָבן זיי געקאָנט מיט אַזאַ לייכטן לונג־און־לעבער דערקלערן, אַז לעיעלעס, נאָך אין טאָך אַן אָנפאַנגער, טויג נישט, און זיין „לאַבירינט" איז נישט קיין פּאָעזיע? האָבן די אַלע מענטשן בעאייס־מאַיסע גאָרנישט געטראַכט וועגן זיך? אָדער האָבן זיי זיך נויקעם געווען — פ אַ ר. ז י ך — אין לעיעלעסן?

די רעצענזענטן פון ביידע מינים דערציילן מיט טיפן ערנסט, אַז זיי האָבן „געבלעטערט, געמישט, געלייענט" דעם „לאַבירינט", און נאָך לאַנגע און שווערע באַמיאונגען האָבן זיי אויסגעפונען, אַז דאָרט איז נישטאָ קיין פּאָעט. אַ ראַכמאָנעס אויף די מענטשן. צו וואָס האָבן זיי זיך געדאַרפט אַזוי אָנשטרענגען, אַז די מיינונגען האָבן זיי דאָך „רעדי־מייד" געהערט אין קאַפע, וואו זיי זענען אזוינע אָפטע שטאַם־געסט? עס איז דאָך, ליבע פריינט, אַ פאַקט, אַז די „גאַס" האָט שוין לאַנג, אָן שום באַ־מיאונג, און מערסטנס נישט לייענענדיק, אָדער לייענענדיק זייער פיינט־לאַך, ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז איך ק אָ ן שרייבן לידער, נאָר איך מוז נישט. דאָס ווייס דאָך שוין אויף אויסעווייניק, און נאָך איידער ער האָט עפּעס מיינס געלעזן, אַ ליאַדע צופעליקער אַריין־ און פאַרבייגייער אין קאַפע, אַ מינדסטער פראָווינצער. די אַנדערע פּאָעטן, יאָ און נישט־רעצענזענטן, פאַרשטייט איר מיך, מ ו ז ן שרייבן, פּאָשעט: די מוזע, (אָדער, גאָט, אָדער, די נאַטור) שטייט זיי הינטערן רוקן און באַפעלט:

„שרייב, דו אַזוינער און אַזוינער, שרייב, דער רואַך זאָל דיך נעמען, שרייב!"

און זיי קאָנען זיך נעבעך נישט העלפן. אַז „אימיצער" הייסט!

לעיעלעס אָבער מוז נישט. ער ק אָ ן און פאַרוואָס קאָן ער? אויף דעם האָט מען שוין אויך אַ גרייטן ענטפער: לעיעלעס איז אינטע־ליגענט, פאַרמאָגט קולטור. נעמט ער און קאָן שרייבן לידער. דער אָרימער אידיש־ליטעראַרישער אוילעם אין אַמעריקע, וואָס די מערסטע האָבן נישט קיין צייט געהאַט צו געניסן אַביסל בילדונג, אַביסל כאָכמאָס־

יאָון (כאָכמאָס האַיעהאָדעס — אויך נישט צופיל) האָט, פּראָוודע, אימער און אייביק געהאַט גרויס אָפּשיי צו מיין פרייער באַנוצונג פון ווערטער און אויסדרוקן, וואָס יעדער קולטורעלער מענטש פון יעדן פאָלק באַנוצט טאָג־טעגלאַך. נאָר דערקלערט דאָס טאַקע, פאַרוואָס איך האָב זיך גענומען שרייבן לידער? מען קאָן עפּשער אין דעם דערמאָנטן אָפּשיי געפינען אַ רעמעז דערויף, פאַרוואָס די מוזע־מוזיסטן זענען אָפּט אַזוינע אָרימע „נישט־קאָנערס" אין זייערע שירים. אָבער עס בלייבט נאָך אַלץ דאָס רעטעניש, פאַרוואָס לעיעלעס, וואָס „קאָן" אַזוי שטאַרק, איז נישט געוואָרן אַ סקולפּטאָר, אַ מאלער, אַן אַקטיאָר, אָדער גאָר אַ טענצער.

עך, כאָשעווע פיינט און כאָשעווערע פריינט — קאָנען איז טאַקע אַן איידעלע זאַך. אַ סוואָרע, אַז קאָנען איז דער יעסאָד פון פּאָעזיע און יעדער קונסט. האָבן די הערן אַרונטעררייסער אַמאָל געטראַכט וועגן דעם ווערט און זין פון ווערטער? ווייסן זיי, לעמאָשל, אַז קאָנען און קונסט שטאַמט פון דעם אייגענעם שורעש? דאָס נעמלאַכע אין לאַטייניש (אַרס — אַרט); אין רוסיש (איסקוסטוואָ). אַ קינסטלער איז — קוידעמקאָל אַ קאָנער, אַ ק ע נ ע ר. אויב מיליאָנען מענטשן זענען נישט קיין פּאָעטן, איז עס נישט אַזוי דערפאַר, וואָס זיי פ י ל ן נישט פּאָעטיש, נאָר ווייל זיי קאָנען נישט אויסדריקן, געפינען פאָרם פאַר זייערע געפילן. קאָנען גוט מאַכן — יאָ: מ אַ כ ן — דאָס ענגלישע וואָרט פאַר באַשעפער, פאַר גאָט איז נישט אומזיסט „ מ י י ק ע ר " — דאָס איז דער „א" און „ת" פון יעדער קונסט און אויך פון פּאָעזיע.

אויב לעיעלעס קאָן טאַקע, האָט ער אַ רעכט צו זאָגן צו אַלע זיינע אַראָפּרייסער: „אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט, און האָט מיר אַ גוטן שליטוועג".

נאָר נאָכאַמאָל דער איניען ווערטער:

קימאַט אַלע רעצענזענטן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף עטלאַכע לידער אין „לאַבירינט" צו ב אַ ו ו י י ז ן (יאָ, יאָ: ב אַ ו ו י י ז ן), אַז איך שרייב קאָפּ־פּאָעזיע, און דאָס איז זיי נישט וואוילגעפעלן — זיי



ווילן נאָר און אויסשליסלאַך האַרץ־פּאָעזיע. זיי האָבן אין מיין בוך געפונען אַזוינע לידער, ווי „קלאַנגען", „אַדיעקטיוון־עטיוד", „פרעמד־ווערטער עטיוד", געפונען און — מיט גרויס טריאומף אויסגעשריגן:

אַהאַ, אָט איז עס! דער מענטש „מאַכט" לידער. קאָפּ־פּאָעזיע, באַהיט זאָל מען ווערן. ניע זשעלאַיעם!

נו גוט. לאָמיר פונדעסטוועגן פּרוּוון דיסקוטירן.

ווען אַ מאָלער מאָלט אַ זון־אונטערגאַנג און רופט זיין בילד אַן „עטיוד אין רויט" — וועלן די אידישע עקספּערטן אויף „עכטער" פּאָעזיע אויך אויפהייבן אַ קאַראַאול? איך צווייפל. הונדערט צו איינס, אַז זיי וועלן זיין אַנטציקט — אַנישט קאָן דאָך נאָך פאַלן אַ כשאַד, אַז זיי פאַרשטייען אין מאלעריי, ווי אַ האָן אין בעניי־אָדעם. אַז אַ סקולפּטאָר רופט אָן זיינס אַן אַרבעט, אַן עקספּערימענט, „עטיוד פון אַ האַנט", וועלן די לייט זיך אָסער רייסן פאַר די האָר. זיי וועלן עפּשער נעבעך באַגייסטערט ווערן — צוליבן זעלבן גרונט. טאָ פאַרוואָס איז אַזוינס נישט מעגלאַך אין דער פּאָעזיע — אין דער „וואָרט־קונסט"?

וואָס זענען ווערטער? נישט קיין לעבעדיקע וועזנס עפּשער? און איז נישט די ערשטע און לעצטע פונקציע פון דעם דיכטער צו געבן אָט־דאָס לעבן — אַלע פאַרבאָרגענע, וואָרטנדיקע קלאַנג און ריטם־מעגלאַכקייטן, וואָס אין זיי? איז נישט דעם פּאָעטס גרינטלאַכע אויפגאַבע צו עקספּערימענטירן מיט ווערטער — דאָס הייסט דערגרונטעוון זיך צו אַלע זייערע פּאָטענצן? ווערטער האָבן לאָגיק, ווערטער האָבן אינהאַלט, געוויס. דער פּאָעט איז יענער, וואָס טאָקט אויס אויף דעם פונדאַמענט פון דעם וואָרטס סטאַבילן אינהאַלט זיין אייגנאַרטיקן, נייעם פורעם פון קלאַנג און ריטם.

אַז איך האַלט שוין ביי קלאַנג און ריטם. ווי באַגרעניצט עס איז נאָך, ווי אָרעם די אידישע ריטמיק, די קלינגעוודיקייט און די גראַמען־טעכניק פון דער אידישער פּאָעזיע! ווי פּרימיטיוו און ווי אַלעף־בייסדיק די פאַרלאַנגען, די געשמאַקן פון די פלינקע רעצענזענטן אונדזערע — דיכטערישע און נישט!

לאַמאַנאָסאָוו, דער „ערשטער רוסישער פּאָעט און געלערנטער", איז געווען גרוואַלטיק באַגייסטערט דערפון, וואָס אין רוסיש קאָן מען געבן דיזעלבע רייכקייט פון ריטמען און קלאַנגען־קאָמבינאַציעס, וואָס אין יעדן אייראָפּעאישן לשון. ביי אונדז — אַזויפיל שפּעטער — באַנוגנט מען זיך מיט די פּרימיטיוו־סטע „מישקל"־אויפטועןן. טאָמער וויל ווער זיך אַרויסרייסן פון דער פּרימיטיווקייט, ווייזט מען קלוג און פּילבאַדייטנדיק אויפן שטערן, און מען פּאַסקנט אָפּ:

„קאָפּ!".

גליקלאַכע אידישע רעצענזענטן, געבענטשטע אידישע שאָפּטים־פּאָעטן. זיי ווייסן דעם כילעק צווישן קאָפּ און האַרץ, זיי קענען זיך אויף דער גרעניץ צווישן „מאַכן", און „שאַפן". די גויאים זענען גאָרנישט אַזוי זיכער ביי זיך. נו, געוויס — גויאישע קעפּ!

עדגאַר עלען פּאָ, נישט קיין שלעכטער דיכטער, דאַכט זיך, האָט געהאַלטן, אַז לידער דאַרף מען ב ל ו י ז „מאַכן"; אַז דאָס וואָס קלוגע פּאָעטן האָבן אויסגעטראַכט, וואָס נאַרישע לעזער גלייבן, און וואָס הייסט „אינספּיראַציע" איז — אַזאַ כילעל־האַשעם! — נישטאָ און דאַרף גאָרנישט זיין.

פּושקין — מי לנו גדול? — האָט געשריבן אין אַ ליד אַז אין דעם מאָמענט פון שאַפן איז דער פּאָעט אַן אומגעווינלאַכער מענטש. עס „פּאַקט" אים אַ געוויס געפיל, צי שטימונג, און ביז ער באַפרייט זיך פון איר איז ער אומרואיק, „באַגייסטערט". דערנאָך ווערט ער אַ פּאָשעטער מענטש, נאָך עפּשער ערגער, ווי אַ פּאָשעטער. און דאָך... די באַגייסטערונג, וואָס אַ פּאָעט האָט אין דער צייט פון שרייבן, די פרייד פון „דיכטן" איז געוויס און געוויס אַ זייער רעאַלער פּאַקט — עפּשער, אַגעוו, די איינציקע פרייד, וואָס דער דיכטער האָט ביכלאַל. פונדעסטוועגן: ווער עס האָט אַמאָל געזען אַ מאַנוסקריפּט פון פּושקינס לידער, געפינט אויך אויס, אַז פּושקינס באַגייסטערונג האָט אים נישט געהאָלפן אָנצושרייבן מיטאַמאָל אַ גוטע זאַך. ער האָט אַ לאַנגע צייט געמוזט מעקן, צושטעלן, ענדערן און איבעראַנדערשן. מיט וואָס האָט ער דערביי אָפּע־



רירט — מיט „קאָפּ" צי „האַרץ"? ווי אַבסורד די גאַנצע פראַגע! וואָס פאַר אַן אָנקלאַגע אין פּראָווינציאַליטעט, ווען מען „מוז" און מען „קאָן" גאָר אַזאַ פראַגע שטעלן ביי אונדז!

ריכאַרד וואַגנער האָט געהאַלטן, אַז קונסט באַשטייט פון צוויי עלעמענטן: פילן, איבערלעבן און קאָנען אויסדריקן וואָס מען פילט און איבערלעבט. דאָס קאָנען — האָט ער געזאָגט — איז דאָס סאַמע וויכטיקסטע. ווען דאָס פילן אַליין וואָלט געווען גענוג, וואָלטן מיר אין יעדן דאָר געהאַט טויזנטער, מיליאָנען קינסטלער. איך האָב שוין נאָר־וואָס וועגן דעם גערעדט. אויב איך ציטיר וואַגנערן איז עס בלויז דערפאַר, ווייל אָט־די מיינונג איז שוין איצט אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלאַכע אַז זי איז געוואָרן אַ באַנאַליטעט, אַ טרואיזם. און דאָך — וויפיל מאָל וועט אַ אידישער רעצענזענט נאָך צווינגען דעם טרואיזם אַרויסצושלעפּן?

מיינע רעצענזענטן, מיינע אָפּשאַצער! וויפיל פוילקייט פון געדאַנק, וויפיל אומקולטורעלע קאָלטנס, וויפיל פאַרקאַלכטן קאָנסערוואַטיזם, וויפיל פּאָפּוגייאישקייט מען האָט דאָס צענויפגעקליבן אַרום אַן ערשט ביכל לידער! געזונטערהייט — זאָל איך וואויל באַקומען.

איך וועל אַוועק צו מיינע לידער. אין זייער ריינער געזעלשאַפט וועל איך פאַרגעסן די צינישע שמייכלאַך, די אומוויסנדע זעלבסט־זיכערקייט צוזאַמען מיט דער אָרגאַניזירטער באַטאַליע קעגן זייער באַשעפער.

מיין פיינער „רו־סאָנעט" — בענקשאַפט דו פון מיין אידיש בלוט נאָך אַנטי־אידישער טמימעס, און דו: סאָנעט פון מיינע ווינטערנעכט מיט דיינע קאַלטע מאָנונגען, קילער שיין פון מיין אומעטומיקער אַנדערשקייט; מיינע דריי קאָנפעסיעס: „פאַר אַ רעגע", „איינציקע" און „איך": מיינע „קלאַנגען", דאָס געבעט מיינס נאָך באַפרייאונג פון דער ווערטער־טפיסע" און דו, „גערודף" — געזאַנג פון מיין פאַרלוירנקייט; מיין איידעלע „יואָלאָ" — געזוכטע, קיינמאָל נישט געפונענע אין די טעג און נעכט; מיין „דורכן פענצטער" — דו ראַנגלען זיך פון מיין שאַרף־קלאָרן באַ־

וואוסטזיין מיט מיין אוממעכטיקן זיפץ נאָך דעם אומדערגרייכבאַרן; מיין ווילדער „קעלעוו״, וואָס דו וואַגסט אָפּן צו שרייען וועגן מיין נאַקעטקייט; (אַזאַ וואַגן איז מיין קרעדאָ!); מיינע „שטאָט־לידער״ — איר לאַמטענטן אין דעם עלעקטרישן ווירוואַר, אויף דעם מאַנהעטען־אַספאַלט; מיין „אינמיטן יאַנואַר״, וואָס מיט אַ קלאַנג, מיט אַ נאָמען, באַלעבסטו אַ קאָמפּלעקס דערמאַנונגען, דעם אומעט צוליבן נעכטן, די פרייד פון האַרן אויפן מאָרגן; איר אַלע לידער מיינע, ציניש פאַרזעענע, גראָב באַטאַפּטע: זייט סטאָאיש, האַלט זיך פון דער ווייט, זייט אַליין. און שטרויכלט אַמאָל אייער באַשעפער און לאָזט פורעמען דעם איינדרוק, אַז ער גייט אויף איין פלאַך מיט אייערע באַרעדער, מיט אַן אומערלאַכן איגנאָראַנט, מיט אַן איגנאָראַנטישן צוואָק פון דעם אוממעגלאַכן קוואזי־ליטעראַרישן געמויזאַכץ אונדזערן — זייט איר די שטאַרקערע, האַלט זיך אָן אַ זייט, און שטרויכלט נישט.

זוכט שטאַרקייט אין אַ קלוגן שמייכל, און פרואווט זיך טרייסטן:

איר העלפט באַרייכערן די מאָנאָטאָנע, נאָך אַלץ קליינשטעטלדיקע אידישע פּאָעזיע. איר פרואווט אייראָפּעאיזירן דאָס נאָך אַלץ אין באָרד און פּיעס איינגעוויקלטע אידישע וואָרט.

פּ אָ ע ז י ע א י ז ד אָ ס, װ אָ ס אַ ו ו י כ ט י ק ע ר פּ אָ ע ט ש אַ פ ט, אי לויט אי זייער אָפּט ק ע ג ן די איינגעכאַזערטע סטאַנדאַרטן אין עפּעס אַ ביכל, אָדער גאָר אין אַ צווייט־הענטיקן אַרטיקל — איר מאַלשינים און קליינהענדלער!

* * *

ווי עס איז צו זען — עס האָט מיך נישט בלויז שטאַרק פאַרדראָסן אויף דעם, ווי מען האָט אויפגענומען מיין ערשטע לידער־זאַמלונג. איך בין אויך געווען אין קאַס, און בין אַפילע געוואָרן היבש געפילפּול. מיט די יאָרן איז די סענטימענטאַליטעט אינגאַנצן אַוועק, דער קאַס — אַסאַך קלענער, דער פאַרדראָס איז געוואָרן ווייכער, פילאָזאָפישער.

איך האָב זינט דעם „לאַבירינט״ אַרויסגעגעבן ביכער — לידער, דראַמען — מען האָט זיי דאָ און דאָרט גאַנץ און האַלב „אָנערקענט״, אָבער



מען האָט אויך אַסאַך געריסן — עמעס: פיל פאַרזיכטיקער און מיט אַן אָנשטעל אויף ערודיציע. איך האָב נאָך אָפּט גאַנץ נאַאיוו געפרעגט: פאַרוואָס? ביז איך האָב ענדלאַך פאַרשטאַנען:

עס קאָן אַנדערש נישט זיין, עס מוז אַזוי זיין.

די הויפּט־אורזאַך ליגט אין דעם כאַראַקטער פון מיין אַרבעט. זי איז ווירקלאַך אַן אַנדערשדיקע, גאַנץ אומענלאַך צו די מוסטערן, וואָס זענען פון פריער באַקאַנט. מיינע לידער פאָדערן אַ באַשטימטע אָנשטרענגונג ביים לייענען, מער ווי די נאָרמאַלע מאָס געדולד, וואָס מען האָט ביי אונדז צו פּאָעזיע. דער דורכשניטלאַכער אידישער לייענער איז אַבסאָלוט נישט צוגעגרייט מיך אויפצונעמען. די צאָל פון נישט־דורכשניטלאַכע איז מינימאַל. נישטאָ קיין געזונטער רעזערוואואַר פונוואַנען די צאָל זאָל וואַקסן. אָדער די אידישע יוגנט שטודירט נישט, און איז דערפאַר ווינציק קולטורעל; אָדער זי שטודירט יאָ, און איז גרינטלאַך אַסימילירט.

מיט דער קריטיק האָב איך געפירט גרויסע שלאַכטן, ספּעציעל זינט עס איז אויפגעקומען דער „אינזיך״ אין 1919—1920. שוין דער ערשטער נומער פון דעם ערשטן גאַנג „אינזיך״ איז געווען זייער אַגרעסיוו. דער זשורנאַל האָט אונטערגענומען אַ רעוויזיע פון דער אידישער פּאָעזיע, און דערביי נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אָפּשיי פאַר רעפּוטאַציעס — סיי היגע, שוין איינגעבירגערטע, סיי אָקערשט אַריבערגעקומענע מעאייווער לעיאַם. קלוגע, פּראַקטישע מענטשן האָבן דעמלט געזאָגט, אַז מיר „קוילן זיך אָן אַ מעסער״.

יענע שלאַכטן האַלט איך איצט פאַר איבעריק. די קריטיק האָט אויך נישט געקאָנט קיין האַנאָע האָבן פון מיינע אַרבעטן. זי האָט, אַגעוו, נישט געפרואווט האַנאָע צו האָבן. זי איז געגאַנגען לויט דער גרינגסטער סטעשקע, זיך צוגעהערט צו די אָנגענומענע טאָנדייטנע מיינונגען, און אַרויסגעוויזן ווינציג ענטוזיאַזם פאַר רעוויזיע. ס׳איז טאַקע לייכטער אַזוי. לעבנדיק, ספּעציעל אין די אַמעריקאַנער באַדינגונגען, פון האַנט צו מויל, אין שטענדיקן נודנעם קאַמף פאַר מאַטעריעלער עקזיסטענץ

און פֿאַר דער אויפֿהאַלטונג פֿון דעם געוואוינענעם פּרעסטיזש, פֿון די דעראָבערטע פּאָזיציעס, האָט זי נישט געהאַט דעם מוט מודה צו זיין, אַז דער מאָדערנער נוסח אין דער אידישער פּאָעזיע איז נישט פֿאַר איר. ד ע ם פֿאָרוואורף קאָן מען איר עפּשער יאָ מאַכן. נאָר בלויז דעם. ווייטער — דאַרף מען זי פֿאַרשטיין. נאָכפֿאָלגן די אַנטוויקלונגען פֿון דער אַלגעמיינער מאָדערנער ליטעראַטור, און מעמיילע פֿון דער אידישער, האָט זי פּאָשעט קיין צייט נישט געהאַט, קיין אינערלאַכן גלייכגעוויכט. דער פֿאַרדראָס אויף דער אייגענער צוריקגעשטאַנענקייט האָט עפּשער אַ צופּ און אַ מאָן געטאָן פֿון צייט צו צייט. נאָר — ס'איז לייכטער צו „רייסן" יענעם, ווי צו באַשולדיקן זיך. דאָס איז מענטשלאַך, דאָס איז נאַטירלאַך.

דאָך — עס איז אויך געוואָרן נאַטירלאַך — און סימפּטאָמאַטיש — אַז די קריטיק זאָל זיך נישט זעלטן פֿילן געצוואונגען אָנצוקומען צו אַ דעפֿענסיווע, וואו זי האָט זיך ליידער מיט צופֿיל כאָכמע נישט אויסגעצייכנט. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם פֿאַרטוך פֿון דעם לייענער, אים — הייסט עס — צו באַשיצן קעגן די מאָדערניסטן, קעגן זייערע עקספּערימענטאַציעס. דאַווקע דאָ האָט די קריטיק נאָך מער אונטערגעשטראָכן איר שולד — פֿאַר דער ליטעראַטור און מעמיילע פֿאַר דעם לייענער.

„פֿאַר די לעצטע צוואנציק יאָר, האָב איך געשריבן אין „אינזיך" נומער 3, יוני 1934, איז אין אַמעריקע אויפֿגעקומען אַ נייער טיפּ אידישע פּאָעזיע. דאָס אידישע דיכטערישע וואָרט און דער אידישער קלאַנג האָבן זיך אַ ריס געטאָן אַרויף צו אַלע הייכן פֿון דער מאָדערנער וועלט־פּאָעזיע. עס האָבן זיך איינגעבירגערט אומגעוויינלאַכע און שווערע פֿאָרמען. עס זענען אויפֿגעקומען אידישע סאָנעטן, ראָנדאָס, טריאָלעטן, ווילאַנעלן. מען האָט געוויזן אַז אַפֿילע דער סאָנעטן־קראַנץ קאָן קלינגען גראַציעז און אייגנאַרטיק אויף אידיש, און דערביי האָט מען אָנשויליך אויספּראָבירט אי דעם ריטם פֿון אידיש, אי די אידישע גראַם־מעגלאַכקייטן. עס איז נאַטוראַליזירט געוואָרן דער פֿרייער פֿערז. מען האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט דערביי. מען האָט באַרייכערט די אידישע לעקסיק, געשאַפֿן נייע ווערטער, אויסדרוקן, און פֿאַראיינס באַרייכערט דעם אידייען־אינהאַלט פֿון דעם אידישן פֿערז. מען האָט געפּרואווט אויפֿברעכן דאָס וואָרט גופֿע. איז שוין דאָרט — אין דעם וואָרט — אַלץ פֿאַרגליווערט, אַלץ אומבאַווירלאַך, אָדער קאָן דאָ די פּאָעזיע עפֿענען פֿאַר זיך אַ נייעם שטעג?

וואָס האָבן די קריטיקער, די איבערגעגעבענע טאַטעס פֿון דעם אידישן לייענער געטאָן, אַז דער פֿילגעליבטער זון, זאָל דאָס אַלץ דערזען?

זיי האָבן געטאָן אַלץ נאָר נישט וואָס מען דאַרף דעם לייענער צו העלפֿן. זיי האָבן מערסטנס גאָרנישט אויסגעזאָגט דעם לעזער וועגן די נייע רייכטימער, וואָס די היגע דיכטער האָבן צוגעבראַכט. זיי האָבן דערפֿון געמאַכט עפּעס אַ פּריוואַט אָדער פּראָפֿעסיאָנעל געהיימניש.

אָדער—דאָס איז נאָך ערגער, פֿאַר ז י י, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַר זייער פּאָעזיע־פֿאַרשטענדעניש — זיי זענען אָפּגעקומען מיט שטעכווערטלאַך, מיט קליין־גייסטיקן כויזעק. עס איז שוין געווען זייער אַסאַך, ווען מען האָט געזאָגט: די אַלע פֿאָרמען זענען עפּשער אָלרייט אין אַנדערע, אין די אייראָפּעאישע שפּראַכן, אָבער אין אידיש . . ."

פֿאַר מיין אייגענער טרייסט און פֿאַר דער טרייסט אויך פֿון אַנדערע אידישע מאָדערניסטן — זיי זאָלן פּאָשעט נישט מיינען, אַז נאָר ביי אונדז קאָנען קריטיקער אַזוי פֿאַרפֿעלן זייער אייגנטלאַכע פֿונקציע, וואָלט עפּשער קעדאַי געווען צו ציטירן פֿון טאָמאַס האַרדיס פֿאָררעדע צו זיין בוך לידער, וואָס איז אַרויס אין 1922. איך פֿאַרגין אויך די טרייסט די אידישע קריטיקער. זאָלן זיי אויך וויסן, אַז זיי זענען נישט די סאַמע ערגסטע.

דער באַרימטער ענגלישער דיכטער האָט זיך געקענט אויף די פּראָפעסיאָנעלע מעווינים. ער רעכנט אויס אַסאַך מאַילעס זייערע. אַ שטייגער: די קריטיקער ניוועלירן און סאַטיריזירן די אינדיווידואַליטעט. זיי פעלט דער כוש און דער ווילן צו זען אַ גאַנצקייט אין אַ פּאָעטיש ווערק. געוויסע שאַצערס באַציִען זיך צו לידער אַזוי, ווי זיי וואָלטן זיך גענומען אורטיילן וועגן אַ לאַנדשאַפט מיט דער הילף פון אַ טאַשן־לעמפּל אין אַ נאַכטלעכער עקסקורסיע. אַנדערע זענען בעריעס צו ציטירן בלויז די ערגסטע שורעס, די שוואַכסטע פּאַסוסען (ווי זיי וואָלטן מוירע געהאַט צו ווייזן, ווי אומגערעכט, ווי אומערלאַך זיי קאָנען זיין?). נאָך אַנדערע טייטשן אַריין אין אַ בוך געדאַנקען, מיינונגען, וואָס דער אויטאָר האָט אַזוינס אין כאָלעם נישט בעדייע געהאַט.

נאָר ס׳וועט זיין גענוג וועגן דער קריטיק. איך בין שוין לאַנג קווית מיט איר. וועגן האָבן טאַינעס צו איר — אָפּגערעדט. איך און זי — מיר געהערן צו אַנדערע עפּאָכן און פאַרשידענע קלימאַטן. אין טאָך, ווען איך טראַכט וועגן דער קריטיק אונדזערער אין פולער אָביעקטיווקייט — איז זי „מער צו באַדויערן ווי שולדיק“, ווי עס הייסט אין אַ אידיש טעאַטער־לידל. זי פאַרדינט אייגנטלאַך מיין מיטגעפיל, וואָס איך גיב דאָ גערן.

ווען איך קוק צוריק צום „לאַבירינט“ און צו זיין צייט, ווען איך זע די ווייטערע אַנטוויקלונג פון מיין אַרבעט אין מיינע שפּעטערדיקע ביכער און אויך ו ו י אַ דעם „אינזיך“ זע איך קלערער ווי ווען עס איז, אַז איך האָב אָנגעהויבן אַ גאַנג אין דער אידישער ליטעראַטור — אַן אייגענעם און צילבאַוואוסטן, אָבער גלייכצייטיק אַזוינעם, וואָס האָט בעאַיין אויפן נישט געקאָנט ווערן פּאָפּולער. ס׳איז פאַר מיר אַ באַזונדערע באַפרידיגונג, וואָס איך זע אַ דירעקטן העמשעך, אַ גאַנץ גראַדע ליניע צווישן מיין ערשטער זאַמלונג און דער איצטיקער, קנאַפּע צוואַנציק יאָר שפּעטער. כ׳האָב נאָך ווינציק גערעדט וועגן דעם טאָך, דעם אינערלאַכן זין פון מיין גאַנג אין דעם פּאַרדעס פון אידישן וואָרט, און עס איז מיר שווער אין דעם זיך אַריינצולאָזן. זאָלן די לידער אין דעם פאָרליגנדיקן



בוך רעדן פאַר זיך אַליין. נאָר אָט־איז אַ ציטאַטע פון מיינס אַן אַרטיקל, וואָס איז קוים עטלאַכע כאַדאָשים אַלט:

וואָס איז מאָדערניזם? פרעג איך דאָרט. און איך ענטפער: „ס׳איז זייער אַ ברייטע טעמע. דאָ קאָן איך נאָר פּרוּוון זייער קורץ, זייער ראָשע־פּראָקעמדיק אָנצודייטן.

דער אויסקוק, וואָס נעמט אַריין—יעדנפאַלס ז ו כ ט אַריינצונעמען—די גאַנצע דערגרייכטע דערפאַרונג פון דער מענטשהייט, דאָס געענדערטע בילד פון דער וועלט, די דעראָבערונג פון דער וויסנשאַפט — פון דער אַסטראָ־פיזיק ביז, לאָמיר אָנכאַפּן, פּסיכאָאַנאַליז — דאָס איז מאָדערניזם. אַ שרייבער מוז זיך פאַרוועבן מיט אָט־דער דערפאַרונג. אַנדערש איז ער פּראָווינציעל, מעג ער וואוינען אין פּאַריז אָדער ניו־יאָרק, זיינע ווערק — פאַלש, אומוויכטיק און אומאינטערעסאַנט, מעגן זיי קאַנדידירן פאַרן נאָבעל־פּרייז. דער מאָדערניזם פאַרניינט דעם עמאָציאָנאַליזם, וואָס, קאָנסעקווענט דורכגעפירט, ברענגט ער צו מיסטיפיקאַציע און צו פּאָשעטער רעאַקציע. (דער נאַציזם און ראַסיזם איז קינסטלעריש גערעדט עמאָציאָנאַליזם ביז זיין לאָגישן לעצט־פונקט — אין אַ וועלט פון הויך־אינדוסטריע, הויך־טעכניק, עראָפּלאַנען, ראַדיאָ. נישט אומזיסט מאַכן די נאַצישע קינסטלער דעם דיכטער סטעפאַן געאָרגע וואָס האָט זיך מיט אַסאַך געפיל „פאַרטיפט“ אין גערמאַנישן אורוואַלד, פאַר זייער פאָרלויפער, כאָטש געאָרגע אַליין וואָלט זיך מיסטאָמע צוריקגעשראָקן פון דער נאַצישער פּראַקטיק).

דאָס אייגענע אין אַ היבשער מאָס מיטן ראַציאָנאַליזם, וואָס האָט זיך געפּאַסט פאַר דעם 18טן יאָרהונדערט, און וואָס האָט אין 20טן מעגלאַך געמאַכט, אַז דער פוטוריסט מאַרינעטי זאָל ווערן דער טרומייט פון מוסאָליניס פאַשיזם.

אָפּשפּריצונגען פון ראַציאָנאַליזם אין דער קונסט קאָן מען צום באַדויערן געפינען אָפילע אין אומגעריכטע ערטער. די באַציאונג

פון אַסאַך סאָציאַליסטן צו קונסט טראָגט אין זיך רייך־ראַציאָנאַ־
ליסטישע עלעמענטן.

מאָדערניזם, ווי איך פאַרשטיי אים, איז אי אַנטי־עמאָציאָנאַ־
ליסטיש, אי אַנטי־ראַציאָנאַליסטיש. ער איז אין ערשטע ריי אַן
א י נ ט ע ל ע ק ט ו ע ל ע שיטע, וואָס וויל פילן אָבער ניט
ווייניקער — וויסן. מאָדערניזם איז געוויינלאַך נישט אַפּאָליטיש
און קאָן נישט „פייפן" אויף רעוואָלוציע. דער מאָדערניזם נעמט
אָן דעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם ווי אַ נויטווענדיקייט, ווייל ער מיינט
העכערע און אַלץ העכערע פאָרמען פון עקאָנאָמיק, טעכניק, געזעל־
שאַפטלאַכער איינאָרדנונג און גלייכצייטיק — מער אינדיווידואַלי־
טעט און אינדיווידועל־קינסטלערישע פרייהייט, דערהויבנסטע מאָ־
ראַל און עטיק. די לעצטע דריי: פרייהייט, מאָראַל, עטיק זענען
נישט ווייניקער וויכטיק, ווי טעכנאָלאָגיע און פּראָדוקציע־פייאיקייט.
ווער עס לייקנט דאָס, איז טייקעף אַ בורבאָן נישט בלויז סאָציאַל־
פּאָליטיש, נאָר אויך קינסטלעריש. מאָדערניזם איז באַוואוסטזיני־
קייט און קולטור.

אין דער אידישער ספערע — איז מאָדערניזם אַ ריס מיט
יעשיוועבאָכערישער ראָמאַנטיק, מיט רוכהאַקוידעשדיקער באַטלאָ־
נעס, מיט מיסטיפיקאַציע לעשעם נאַציאָנאַלן מאָהוס. מאָדערניזם
איז נישט קעגן טראַדיציע, אַוואַדע נישט קעגן היסטאָרישער קאָנ־
טינואיטעט און נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוואוסטזיין, און שוין זיכער
נישט קעגן די גרויסע נאַציאָנאַלע אידייען, וואָס די אידישע גע־
שיכטע האָט אויסגעגליט און געפורעמט — אַריינגערעכנט דעם
צענטראַלן מעשיכישן יוישער־ און אויסלייז־געדאַנק. דער מאָדער־
ניזם פאָדערט אויך דאָ אַ באַוואוסטזיין, וואָס זאָל באַצייטנס אונ־
טערזאָגן, ווען מען דאַרף פון דער טראַדיציע זיך אָפּקערן, ריכטי־
קער: גיין ווייטער, העכער. ער פאָדערט אויך, אַז אידייען זאָלן
זיין א י ד י י ע ן , און נישט צום טויזנסטן מאָל אונטערגע־
וואַרעמטע באַנאַליטעטן אָדער אויף־און אַריינגעשרויפטע פרימי־



טיווע טראַכטענישן.

אין פראַט פון אידישן וואָרט — איז מאָדערניזם אַן איינשטע־
לונג, וואָס האַלט, אַז די מעגלאַכקייטן פון קלאַנג, ריטמיק און מע־
טער אין אונדזער לאָשן זענען קוים־קוים ערשט באַרירט געוואָרן.
אַלע העכסטע דעראָבערונגען, וואָס אַנדערע לעשוינעס האָבן דער־
גרייכט אין דער פּערז־קולטור, זענען אויך אין אידיש מעגלאַך. מאָ־
דערן אין ליטעראַטור מיינט: דאָס פּינקטלאַכסטע וואָרט, דער
אַדעקוואַטסטער אויסדרוק, די שאַפערישסטע קאָמבינאַציע. קיין
„וועדליק" פאַר אידיש, קיין טעריץ, אַז וואָס מען דאַרף יאָ דאָרט,
ביי די רייכע ליטעראַטורן, איז נישט „נייטיק" אין אידיש. די באַ־
ציאונג צו אַזויגערופענער „פאָרם" וואָס הערשט ביי אונדז, איז
אַמאָראַציש און אין פולן זין פון וואָרט אָבסקוראַנטיש. נישט קיין
אויסגעדראָשענע „זינגעוודיקע גראַמאַטיק", נאָר לעבעדיקע, אינדי־
ווידועלע ניי־ריטמען — סיי אין געבונדנסטע גראַם־ און מעטער־
קאָמבינאַציעס, סיי אין פרייען פערז. דער מאָדערניזם איז דורכ־
אויס פאַר אידיאָמאַטישע ווענדונגען, ווי די נאַטירלאַכע, נאָרמאַלע
ערד און באָדן פון דעם לאָשן. פונדאַנען דאַרף מען אָנהייבן יעדן
אָנהייב. אָבער עס איז אויך נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך פאַר ניי־
פאָרמירונגען.

(„אינזיך", נומער 31, יאַנואַר 1937).

אַזאַ איז דער דערעך, דער נוסאַך אין דער אידישער פּאָעזיע, וואָס
עס האָט באַשאַפן דער מאָדערניזם, מיט וועלכן איך בין פאַרבונדן אָרגאַ־
ניש, נישט אָפּצוטיילן.

אַן אייגענער סטיל, און דאַווקע נישט אַזוי „ווי אַלע", אַן אייגענער
גאַנג — דאָס איז דאָך סאָפקאָלסאָף דאָס וויכטיקסטע. איך געפעל היינט
נישט די מערסטע פאָרשטייער פון דער אָפיציעלער קריטיק פונקט ווי

מיט צוואַנציק יאָר צוריק. ווען איך פרעג זיך אַמאָל: צי ו ו י ל א י ך געפעלן יענע, וואָס האָבן מיך געריסן און וועלן מיך מיסטאָמע רייסן, מוז איך — אינגערלאַך־ערלאַך און אויפריכטיק גערעדט — ענט־פערן: נ י י ן . און וואָלט איך געקאָנט אָנהייבן פונדאָסניי — איך וואָלט נישט געוואָלט אַנדערש אָנהייבן, אַנדערש גיין און דערגיין אין דער אידישער פּאָעזיע, ווי איך האַלט איצט.

ווי דעמלט, אין דעם ענטפער די „לאַבירינט“־פּאַלמעסערס, מיין איך:

פּאָעזיע איז דאָס, וואָס אַ וויכטיקער פּאָעט שאַפט.

און איך קאָן נאָך צוגעבן:

יעדער אַנדערשדיקער פּאָעט פירט אויך איין אַנדערע מאָסן, נייע סטאַנדאַרטן. צווישן „לאַבירינט“ און „פּאַביוס לינד“ איז אויפגעקומען אַ נייער סטאַנדאַרט אין דער אידישער פּאָעזיע.

א. ל.

ניו־יאָרק, פעברואַר 1937.



# פּאַביוס לינד